# מאָמענט

וועכנטליכע אויסגאבע פאר דער אידישער פאמיליע


בס"ד, **פרשת יתרו תשע"ו**

**Moment / Issue #85 / January 29, 2016**

Price: NY/NJ **$4.99** | Canada $5.49

England £4.00 | Eretz Yisroel ₪18.00


**מאָמענט שטאָב אין א שפּאַציר אויף די שנייאיגע גאַסן**



## "שניי וועט מיך נישט אפהאלטן פון גיין אין שול..."

אַ לעבעדיגן באַריכט איבער דעם שניי וואס האט פאַראַליזירט חרדישע געגנטער, **געברענגט אויפברויז איבער אומגעפוצטע גאַסן אין ברוקלין, אַפּגערופן צענדליגער מלוה מלכה מסיבות און אוונטן, געקאסט** אידישע פאַטאַליטעטן ל"ע, **בשעת טויזנטער ספּראַוועווען זיך מיט דעם** פיל-גרעסער-ווי-ערוואַרטעטן זאַווערוכע

אין בילד: 90-יעריגער מלחמה-איבערלעבער **ר' בנימין יאקאבאוויטש לאוויש"ט** איז נישט מוותר אויף זיין מנין שחרית דעם זונטאָג אפילו אויב דאָס מיינט זיך שלעפּן אויף אַ ראָד-שטול אינעם הויכן שניי

באזונדערע ביילעגן

## אויפ'ן **קראנקן בעט**

אויסשליסליכע שמועסן מיט די הימלישע שליחים אינערהאַלב רופא חולים'ס "פּאַציענט סערוויסעס אָפּטיילונג", **הרה"ח ר' הערשל קאהן** מייסד ומנהל, **הגה"צ המפורסם רבי מרדכי אהרן מייזליש**, רב ביהמ"ד איחוד התלמידים ד'סאטמאר, און **העסקן ר' זושא לעווי**

**ווער בין איך?**
**דער פינעווער!**

א חכם, לאגיש קאלט, צוריקגעצויגן. מען רופט מיר: **דער טראַכטער!**

## **יונגע** זקנים

דער אומגעווענליכער **כולל אין בארא פארק** וואו עס זיצט **אַ גרופּע זקנים און קאָכן אין לערנען ווי פרישע יונגעלייט און אידן מיט שניי-ווייסע בערד געבן שיעורים, קומען אין באשטימטע זמנים און באַקומען כולל געהאַלט**

**א שמועס מיט'ן יונגערמאַן אויפ'ן שאַרער טראָק /// וויאַזוי מעסט מען די הייך פון שניי? /// לאָמיר שפּילן קאָגעלעך**

נאכט. אויך אין סאטמארער הויף, וואו מען האט די וואך געפייערט א חתונה ביי אן אייניקל פון כ"ק אדמו"ר מהרי"י מסאטמאר שליט"א, איז די געפלאנטע צענטראלע שבע ברכות פון דער קהלה וואס האט געזאלט פארקומען אום מוצאי שבת אין גרויסן סאטמארער ביהמ"ד אין וויליאמסבורג, אפגערופן געווארן צוליב דעם שנייאיגן שטורעם.

## דער גורל אין אנדערע פלעצער

עס איז נישט קלאר פארוואס קווינס האט זיך עפעס נישט געקענט ארויסזען פון דעם שניי שטורעם, ביז מען האט דינסטאג אהינגעברענגט די שארער טראקס פון ברוקלין וועלכע זאלן איבערנעמען די לייצעס. "מיר זענען אין א געפאר," האט געזאגט א חברים וואלונטיר פון קווינס, "מיר קענען נישט אנקומען צו עמערדזשנסי רופן אין צייט, די גאסן זענען אומבארירט, כ'פארשטייט נישט פארוואס די גאסן ווערן נישט אויפגערוימט."

אין באלטימאר און אין וואשינגטאן געגנט איז געפאלן די מערסטע שניי ביי דעם שטורעם, זייענדיג באדעקט מיט העכער דריי פיס שניי.

באלטימאר הצלה און חברים האבן זיך אנגעשטרענגט אנצוקומען צו די הילפס רופן. די קלענערע געסלעך זענען בכלל נישט געפוצט געווארן, נאר זענען געלאזט געווארן ווי איין גרויסע פארקינג לאט. די גרעסערע גאסן, ארייגערעכנט וואו עס וואוינען די חסידישע יונגעלייט וועלכע האבן זיך לעצטנס אהינגעצויגן צו גרינדן א נייעם ישוב, איז יא געפוצט געווארן.

וואשינגטאן הבירה, די לאנד'ס הויפט שטאט, איז אויך באטראפן געווארן פון דריי פיס שניי. פרעזידענט אבאמא האט אפגערופן זיין פלי רייזע צוליב דעם וועטער, ווען דער גאנצער הארעזאנט איז ווייס געווארן אינאיינעם מיטן ווייסן הויז.

מאנסי און קרית יואל האבן אויך באקומען צו קאסטן פון דעם שניי, אבער נישט אויף אזא פארנעם ווי אין ברוקלין. אפסטעיטער קינדער האבן זיך געקענט שפילן מיט די שניי, אבער די שטעטלעך זענען דארט נישט פאראליזירט געווארן און די מוסדות זענען געוועז אין פולסטן קראפט שוין זונטאג אינדערפרי.

געוועזן פלעצער דא אין ניו יארק וואס האבן בכלל נישט געזען אדער געהערט פון קיין שניי. אין אפסטעיט ניו יארק האט מען דעם שבת בכלל נישט געוואוסט אז זייערע ברוקלינער שכינים געניסן – אדער ליידן – פון א שניי. עס האט דארט נישט געשנייט נישט קיין 20 אינטשעס און נישט קיין 2 אינטשעס, עס האט בכלל נישט געשנייט. א יונגערמאן א בן תורה וועלכער געפינט זיך יעדן שבת אין וואודריטש אין דער יעצטיגער תקופה זאגט אונז: "מוצאי שבת פאר איך צוריק אהיים אין שטאט אריין, און אויפ'ן וועג ווערט מיר ווייס פאר די אויגן... איך האב פריער בכלל נישט געוואוסט אז עס שנייט."

דאס שטימט מיט דעם וואס דער בארימטער בעל מנגן ר' ישראל ווערדיגער – וועלכער וואוינט אין בארא פארק – דערציילט אז ווען ער האט געקלונגען מוצאי שבת צו א געוויסן נגיד אין די קעטסקילס וואס ער האט געדארפט זינגען ביי זיין מסיבת מלוה דמלכה זיך צו אנטשולדיגן אז עס איז אוממעגליך זיך ארויסצולאזן פון בארא פארק צו די קעטסקילס, האט דער גביר בכלל נישט געכאפט פון וואס ער רעדט. "ר' איד, פון וועלכן שניי רעדט איר דא?" די קאנטרי בערג זענען בכלל נישט שמוציג געווארן פון קיין שניי דעם שבת, אבער די שטאטישע האבן זיי מוציא געוועזן לכל הדיעות. ■

# דער שניי וועט מיך נישט אפהאלטן פון מנין...

צווישן די סצענעס פון מאסיווע שניי בערג, ריזיגע שניי מענטשעלעך, קארס וואס ראנגלען זיך מיט שניי און גוטהארציגע דורכגייער וואס פרובירן זיי העלפן אין דעם געראנגל, האט מען אויך געזען אויף די בארא-פארקער גאסן די ווארעמע סצענע ווי אידן באגלייטן און העלפן דעם עלטערן איד, ר' בנימין יאקאבאוויטש, צו מאכן דעם וועג אין דעם שניי שטורעם זיצנדיג אין א ראד-שטול.

א זקן שוין אריבער די ניינציג, א מלחמה איבערלעבער מיט די איינגעקריצטע לאגער נומערן אויף זיין האנט, אבער ער וויל בשום אופן נישט אויפגעבן זיין טעגליכן מנין וואס ער פארפאסט נישט קיין טאג במשך לאנגע יארן, און דאס האט זיך אויך נישט געטוישט יעצט טראץ דעם שווערן וועטער וואס האט שווער געמאכט דעם וועג אפילו פאר א פרישן יונגערמאן.

אין באגלייטונג פון א געטרייען אייניקל מיט הילף פון אנדערע גוטהארציגע אידן איז ער אנגעקומען אין שול צו כאפן דעם מנין שחרית, בשעת זייטיגע ביישויער כאפן בילדער פון דער מערקווירדיגער סצענע פון קידוש ה'.



אידן העלפן דעם מלחמה איבערלעבער און בן תשעים ר' בנימין יאקאבאוויטש אין דעם שניי שטורעם אויף די בארא פארקער גאסן (בילד קרעדיט: אלי וואהל, א בליק)